קרית ברסלב לאנדאן
פרשת צו · תשפ"ד
שנה ה'
נומער 214



**היכל הקודש נייעס:**
הערליכע נייע ענגלישע וואכנטליכע גליון

**אין די גראמען וועלט:**
מניעות

**איבער אלץ און אלעמען:**
וויאזוי ארבעט א בעטערי?

# לשם מצות מצוה

פסח תשפ"ד איז שוין ביים שוועל

# די אומפארגעסליכע בדיקת חמץ

מו"ה שלמה טעסלער הי"ו טיילט מיט ווען א אומשולדיגע בדיקת חמץ האט געמאכט א טויש אין זיין לעבן מן הקצה אל הקצה.



4 שפעקולאציעס — א מורה דרך



6 היכל הקודש נייעס — נייע וועכנטליכע גליון


7 אלץ און אלעמען — וויאזוי ארבעט א בעטעריַ?



8 געדאנקען — צוואנציג יאר געמאלן וואסער


24 שמועסן — די אומפארגעסליכע בדיקת חמץ


18 אין די וועלט פון גראמען — מניעות




# קרית ברסלב בלעטל


רעדאקציע:

אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, שמעון עוזר פערל, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, נפתלי הירצקא וואללנער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג.

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:

**718.387.2691**

subscribe@kerenhadfusa.org

לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:

077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו

chizikyomi@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער ארייַנצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע

בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161

136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747

breslevofficeliberty@gmail.com

**קול ברסלב: 212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169**


## זמנים Liberty

צו החודש כ' אדר-ב תשפ"ד

הדלקת הנרות ........... 07:03

מוצאי שבת ............ 08:35

מנחה מעריב שמיני.... 08:20

## וועטער

| | | |
|---|---|---|
| Fri 29 | 41°/27° | Partly Cloudy |
| Sat 30 | 47°/32° | Partly Cloudy |
| Sun 31 | 45°/28° | Partly Cloudy |
| Mon 01 | 47°/32° | PM Showers |
| Tue 02 | 42°/32° | Showers |
| Wed 03 | 40°/29° | Rain/Snow |
| Thu 04 | 42°/30° | Mostly Cloudy |
| Fri 05 | 45°/31° | Snow to Rain |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט

די וועטער מבינים ווייסן נישט אל"ץ ריכטיג די וועטער וואס גייט זיין


# מזל טוב!



מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה אברהם משה שטראססער הי"ו**
**וזוגתו עלקא תחי'**
**צו די געבורט פון א מיידל אסתר מלכה למזל טוב**

ר' אברהם משה איז מחי' די חשובע לייענער מיט גאר רייכע אינהאלט, אויף אלע סארט וועגן.

אין זכות פון דעם זאל אים דער אייבערשטער באצאלן ער זאל זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט, און קענען ווייטער משמש זיין דעם הייליגן רבי'ן א גאנץ לעבן.

דינסטאג שמיני
April 2

# GRAND OPENING

845
747
5552

1619
Rt. 52

**Hours**
Sun. - Thurs.
10:30-6:00
Fri.
10:30 - חצות

Special after hours service self checkout
**24/6**

# DRY GOODS

**For costomer service and delivery please call us.**

Ilmoi | Van gaurd | Sea board | Casual trend | Orient super | Van dyack | Enod | Classic | Butteffly | Flourance | Key chain | Rosette | Armani | Armando martilo | Candy land | Vendero | Valair | Jrp | Sereco | Filazi | Fiddenzze | Lands kids | Little piders | Baby Jay | Pastel basics | King rose | Young berry | Puime | And more......

dmcreatives.co

# שפעקולאציעס



## א מורה דרך

עפעס קלער איך,

שפעקולאציעס...?

טאקע נישט געפערליך,

שרייבן אביסל פון סרח און תרח...

נישט ענדערש פלאנצן קערעלעך,

פון עפעס שיין עפעס הערליך,

עפעס וואס וועט דיר אפשר... ברענגען טרערלעך.

שפעקולירן ווי אזוי קען 'איך' זיין ערליך,

נו! לאמיר פראבירן... ס'גייט עפעס אזוי בערך...

***

עפעס הער איך,

אז דו האסט... א מורה דרך...

ס'איז שווערליך!

ניין?

א עבודת הפרך!

הע?

ווען ס'קומט צו זוכן,

פרעגן וועגן שידוכים,

ביסט נישט מוכן,

ס'איז שוין צופיל... נישט איבעראל דארף ער ארייננקריכן.

א גוטע טאקטיק אלס צו פאר'וואסער'ן

יעצט מען קען מיך שוין נישט אסר'ן.

איך וועל מיך כשר'ן,

איך פרעגט דאך אאאלעס... ווי אזוי זאלץ צו מעשר'ן...

מיט 'גאר וויכטיג'ס' מאכן צודרייט,

אבער וועלכע טעלעפאן הע! דאס איז דאך א קליייניקייט.

און בכלל די זאכן ער פארשטייט?

ער שרייייייט...

וואס בילט ער,

נאכאמאל...? איך זאל לייגן א פילטער?

דארט פרעגסטו נישט זיין עדווייס,

קויפן... וועלכע דעווייס?

ער ווייס?





דו ווייס?

איך ווייס!

אהא! דו-ווייס'ט אליין!

האסטיך געטון מיט אים רעכענען,

ווען דו טוסט דיין ווייב שטעכענען,

דאן האסטו אויך א אימעיל געשיקט,

איידער דיין ווייב האט געפליקט.

ביסט נאר געקומען פרעגן,

צו זאלסט ניצן א שירעם ווען ס'רעגנט

אבער וואו צו קויפן א הויז אין וועלכע געגנט,

יא!! נאכן קלאוזן אריינגעקומען מיט א קוויטל,

זיך שיין... געזעגנט!

ווי א תמים ווי א גאנצער יש,

וועלכע זייף ניצן צו וואשן די וועש,

וועלכע דייעט גיין ווען דו ביסט פעש,

אויך געפרעגט וואו צו אינוועסטירן דיין אוועקגעלייגטע קעש?

וואס טוט זיך מיט דיר העי!

געפרעגט וועגן ארבעט מיט ניבול פה?

ווייל דו ווייסט אליין... אז דאס איז אקעי...!

דער עיקר ס'דא א גוטער פעי.

געפרעגט אין וועלכע בית המדרש צו דאווענען?

צו פרייטיג צונאכט מיט קאפל'ס פראווענען?

איך גיי נישט מיט דיר קיין ויכוחים,

איך זע די געסטיך אליין א עצה מיט שידוכים.

פונקט גוט אויף צו קאמפלעינענען,

וודאי! האסטו וועמען,

צו ווארפן אלע בלעימען.

יא! א מורה דרך האב איך אין גרויסן...

דאס קענסטו פאר א צווייטן פארקויפן.

ס'פונקט גוט מען זאל מיינען אינדרויסן

ס'פונקט גוט אויף ערליכע רבנים און רבי'ס צו שטויסן.

***

טראכט אריין

געב א שפעקוליר פאר דיר אליין,

האסט טאקע א מורה דרך?

גלייב מיר איך וואלט זייער מורא געהאט פון אזא דרך!

# היכל הקודש נייעס

לעיקוואד

## הערליכע נייע ענגלישע וועכנטליכע גליון




די שטאט לעיקוואד און אנדערע ענגליש רעדנדע שטעט פלעגן שטארק בענעפיטירן פון די ענגלישע גליון וואס פלעגט ארויסקומען וועכנטליך, ווען די מפיצים פלעגן דאס פארשפרייטן צווישן די ערליכע אידן וועלכע האבן געלעכצט נאך אביסל חיזוק און עצות פון הייליגן רבי'ן.

די מפיצים האבן געבעטן דעם אויבערשטן אז מען זאל פריש אנהייבן ארויסצוגעבן דעם גליון, עס האבן זיך געוועבט פלענער, מען האט געטראכט, אבער עס האט זיך גארנישט געמאכט. מיט עטליכע וואכן צוריק איז געווען דא אינעם קרית ברסלב אויסגאבע לכבוד מוהרא"ש'ס יארצייט אינטערוויוס מיט מפיצים געשריבן דורך נפתלי הירצקא וואלנער נרו יאיר, ווי די מפיצים האבן ארום גערעדט איבער די גרויסע זכי' וואס זיי האבן צו פארשפרייטן דעם הייליגן רבינ'ס ווערטער אויף די וועלט.

און ווי מען זעט ווי מען ארבעט נישט אומזיסט, אידן זענען מכיר טובה, מען נעמט אויף די ברסלבע מיט ברייטע ארעמעס, און אידן שעפן דערפון חיזוק און עצות, און נעמען די עצות אויף למעשה, מען הייבט אן לערנען בעסער, דאווענען בעסער, די שלום בית ווערט בעסער, די קשר מיט די קינדער ווערט בעסער, מען הייבט אן שפירן דעם קרבת אלוקים לי טוב, דאס איז גורם אז נאך אידן כאפן זיך צו צו הפצה, וחוזר חלילה אידן ווערן נענעטער צום אויבערשטן דורך הפצה.

דער אינטערוויו האט אויפגעפלאמט די "פונקען" וואס האבן געטוליען אין הארץ פון משפחת זילבער החשובה פון לעיקוואד, און האבן עס גענומען למעשה, מען האט אנגעהויבן צו בעטן דעם אויבערשטן אז מען זאל קענען אויספירן די מחשבות מכח אל הפועל. דער אויבערשטער האט געהאלפן אז ווען דער ראש ישיבה שליט"א האט באזוכט לעיקוואד לעצטענס, איז שוין געווען אנגעגרייט אביישפיל פון די ערשטע גליון, דער ראש ישיבה שליט"א איז געווען זייער צופרידן דערפון און האט שטארק מחזק געווען מען זאל גיין ווייטער ביתר שאת.

פון דא האבן זיך זאכן גענומען גיין מיט א שטערקערע פארע, מען האט אנגעהויבן אויסזוכן פון אלטע גליונות, פון לייט אויף אמונה, און פון די אנדערע ספרים און דרשות, מען האט געשריבן, איבערגעטייטשט, מגיה געווען, אויפגעזוכט פאסיגע בילדער, אויסגעשטעלט שיין און געשמאק, און פריש מגיה געווען.

ברוך השם אפאר וואכן צוריק האט די וועלט זוכה געווען צו א פרישע אור מיטן נאמען "ספארקס אף אמונה" (פונקען פון אמונה) א הערליכע גליון אנגעפילט מיט געשמאקע זיסע ווערטער פון הייליגן רבי'ן אויף די וואך, שאלות ותשובות אויף למעשה און אזוי ווייטער.

די מפיצים געבן איבער אז והעיר לעיקוואד צהלה ושמחה, בכל מקום וואס דער נייער גליון האט דערגרייכט שמחה וששון ליהודים, מען האט זיך צוגעכאפט צום שיינעם גליון ווי א דורשטריגער צו א קאלט גלעזל וואסער.

די שטאט לעיקוואד, און די מפיצים זענען זייער דאנקבאר פאר משפחת זילבער וואס טוט רוב פון די ארבעט, אזוי איך פאר משפחת פעלדמאן וואס העלפט שטארק ארויס, ואחרון חביב פאר די געטרייע סטעפ פון קרן הדפסה היכל הקודש וואס איז איבערגעגעבן דערפאר מיט'ן גאנצן הארץ און העלפט ארויס מיט אלעס וואס מען דארף.

**על ידי הפצה ספרי רבינו נביא את משיח צדקינו!**

איבער
# אלץ און אלעמען

גרשון קרעמער



## וויאזוי ארבעט א בעטערי?

**שאלה: איך בין נייגעריג וואס ס'טוט זיך אינעווייניג אין א באטעריע. איינער האט מיר מסביר געווען אז עס האט עפעס מיט מאגנעטן וואס שטופט אריין כח אינעם בעטערי, איך האב נישט פארשטאנען וואס ער האט פרובירט מסביר צו זיין. אזוי אויך וויל איך פארשטיין וויאזוי מען קען ריטשארדזשען בעטעריען. איך וואלט מיר זייער געפריידט צו הערן א ענטפער דערויף. א גרויסע ישר כח פאר דיינע באשרייבונגען, עס געט מיר כח אויף די גאנצע וואך. פייוויש.**

***

ענטפער: האסט געפרעגט א גוטע פראגע פייוויש. בעטעריס זענען א גאר וואונדערבארע זאך וואס דער באשעפער האט געגעבן כח אין מענטשן צו קענען ערצייגן. בעטעריס זענען גאר אינטערעסאנט צו באטראכטן. לאמיר אביסל אריינקוקן דערין און פרובירן צו פארשטיין וואס טוט זיך דארט אינעווייניג.

בעטעריעס ארבעטן דורך כעמיקאלע רעאקציעס און נישט דורך מאגנעטן. טיף אינעווייניג אינעם בעטעריע געפונען זיך צוויי טערמינאלן, די פאזיטיווע טערמינאל און די נעגאטיווע טערמינאל. בשעת ווען אויף די פאזיטיווע זייט געפונען זיך פילע איבעריגע עלעקטראנס און אויף די נעגאטיווע זייט פעלט עלעקטראנס, ביי די טערמינאלן זענען געוויסע כעמיקאלן וואס ערלויבן די עלעקטראנס צו פארן פון איין זייט צום צווייטן, ווען מען צינדט אן עפעס מיט די בעטעריע, נעמען זיך די עלעקטראנס לויפן וואס געט די כח פאר'ן מאשין צו ארבעטן.

אבער צוביסלעך ווערן די עלעקטראנס אויסגעאייניגטביידע זייטן, וואס מאכט אז די עלעקטראנס הערן אויף צו לויפן, וואס מיר זעען דאס ווי "די בעטעריע האט זיך אויסגענוצט".

ווען מען ריטשארדזשט א בעטעריע, טוט די עלעקטעריציטעט פון די הויז איבערדרייען דעם כעמיקאלע רעאקציע, וואס איז גורם אז די עלעקטראנס זאלן צוריק לויפן צו די אנדערע זייט, און ווערן גרייט פארן קומענדיגן באנוץ.

פילע אין די וועלט זענען זייער באזארגט איבער די באנוץ פון געז און פאלושן, און קענען נישט שלאפן צוליב וואס זיי זעען ווי די וועלט גייט אונטער, און שטופן מען זאל טוישן צו אנדערע פארמען פון ענערגיע, יעצט זענען מיר אין די וואך וואס מען האט גערוקט די זייגער "צו העלפן שפארן עלעקטעריציטעט", מיר נעמען נישט קיין שטעלונג אין די אלע זאכן; אבער מיר קענען רואיג שלאפן, מיר חזר'ן כסדר וואס דער ראש ישיבה זאגט אונז "די וועלט פאלט נישט צאם, עס איז דא א בעל הבית וואס געבט אכטונג אויף די וועלט; דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, ער האלט די וועלט, ער פירט עס הערליך שיין, און די וועלט ווערט אלץ שענער און שענער".

מיר ווילן אויסנוצן די אלע חכמות וואס דער באשעפער האט אריינגעלייגט אין די וועלט אים צו דינען דערמיט, מיר נוצן עלעקטריק צו קענען לערנען, דאווענען און טון מצוות און מעשים טובים. מיר לאזן דעם אייבערשטן פירן די וועלט.

די וועלט שטייט נישט דורך די פילע פארזאגערס, די וועלט שטייט אויף די מצוות ומעשים טובים וואס אידישע קינדער טוען, די וועלט שטייט אויף דריי זאכן - זאגן חז"ל - אויף תורה, עבודה, און גמילת חסדים. אויך זאגן חז"ל אז די וועלט שטייט אין זכות פון די תורה פון תינוקות של בית רבן. מיר ווילן זיך ווייטער שטארקן צו טון די אלע זאכן, און דאס לערנען מיט אונזערע קינדער.

אויב האט איר סיי וועלכע נושא וואס איר ווילט מיר זאלן באשרייבן, קענט איר שיקן אן אימעיל צו askgershon@gmail.com, און מיר ווילן פרובירן צו ענטפערן כיד ה' הטובה עלינו.

# געדאנקען



# ציפעדיגע פליגעלער

משה'לע מיילער פארקויפט מילעכלער. אלע סארטן מילעכלער, ווייצלער מילעכלער, גערשטלער מילעכלער, פלאקסנקערנדלער מילעכלער, קארנטשיפס מילעכלער, סיי וואספארא מילעכלער איר דארפט, ווענדט זיך צו משה'לע מיילער דער מילעכלער סוחר און ער וועט אייך אויספאלגן מענטשליך, ארנטליך, ערליך און פריילער אן קיין דריידלער.

די מעשה מיט די קארנטשיפס מילעכלער איז, אז די קארנטשיפס איז געווען דזשעלעס פארוואס נאר די קארן פלעיקס האט זוכה געווען צו קענען ווערן קארן פלעיקס קראמבס און ארום נעמען די טשיקעלע פלייש מיט ווארעמקייט בשעת'ן זיך פרעגלען אין די באבלדיגע אויל, פארוואס נישט קארנטשיפס קראמבס?! אומר ועושה, משה'לע מיילער האט ארויס גענומען א patent אויף ערצייגן קארנטשיפס מילעכלער. לאך נישט! משה'לע מיילער גייט נאך זיין איין טאג א גרויסער מיליאנער! און אלעס האט זיך אנגעהויבן מיט צופרידנשטעלן די קארנטשיפס וואס טוען בענקן און האפן צו ווערן א חלק פון די עכטע טשיקן וועטשערע, אנשטאט דינען בלויז אלס קינוח סעודה און אנצופייפן דעם נאאיוון דאקטאר וואס ווארנט אז איבערוואגיגקייט קען גורם זיין דייעביטיס.

נישט נאר די קארנטשיפס מילעכלער זענען א פועל יוצא פון משה'לע מיילער'ס ווייטגייענדיגע טאלאנט פון ערצייגן נייע patents, ס'איז דא נאך א גאר סאפיסטיקירטע מילעכל וואס משה'לע מיילער האט אליין דיזיינט, דאס איז די וואסער מילעכל, יא! א מילעכל וואס מאלט וואסער! מ'לייגט אריין פון אויבן א גאלאן וואסער, און וואונדער איבער וואונדער! ס'קומט ארויס געמאלענע וואסער! צוליב די ריזיגע נאכפראגע פון די געמאלענע וואסער זוכענדער ציבור האט משה'לע מיילער אנגעהויבן אפפער'ן א אויסוואל פון אכט ערליי וואסער מילעכלער, אלומינום, קופער, מאגניזיום און טאנגסטען (tungsten), אלע פיר האט ער געמאכט אין צוויי ערליי שנעלקייטן, אדער GPS 4 (גאלאן פער סעקאנד) אדער

# משה ארי' שניצלער

GPS 8, מ'קען אויך אריינגעבן א ספעשל ארדער פאר א וואסער מילעכל וואס מאלט הונדערט גאלאן וואסער א סקונדע! דאס האט מען געמוזט אפפערן אז די גרויסע געמיינדע פון באנוצער פון געמאלענע וואסער זאל נישט חלילה זיך מוזן אמאל באנוצן מיט אומגעמאלענע וואסער.

כ'האב אמאל געהאט א חבר וואס האט געלערנט אין א חשוב'ע מוסד, ער האט געלערנט דארט פון דריי ביז דריי און צוואנציג. ביי דריי און צוואנציג האט ער דערגרייכט דעם שטאפל וואו דער דריטע קאזין זאגט ער איז שוין מעטשור, מ'מעג אים שוין חתונה מאכן.

ארויסגעשטעלט האט זיך אז ער איז געווען צוואנציג יאר אין א וואסער מאלעריי אקאדעמיע. חוץ מאלן וואסער האט מען אים נישט אויסגעלערנט קיין שום זאך וואס האט א נוצן אין לעבן. פון די דריי ביז די דרייצן האט מען אים געפראגרעמט אז מ'דארף לעבן פאר יענעם, קיין שום ממשות'דיגע לחלוחית'דיגע טעם האט מען אין אים נישט אריינגעלייגט, זיין גאנצע אידישקייט איז געווען א געצווינגענע זאך, פארוואס א גוי מעג אלעס און איך טאר גארנישט? דערפאר האט ער געהאט גאר ווינציג ענערדזשי צו א מצוה, צו א דאווענען, צו א בלאט גמרא, אלעס איז געווען בדוחק, מהיכי תיתי'דיג, בלית ברירה'דיג.

ווען ער האט אמאל געשמועסט מיט א גר צדק האט ער אים שטילערהייט געפרעגט פארוואס ער האט זיך מגייר געווען? וואס זעסטו אין אידישקייט? ווען ער האט געזען אין א מאדערנע געגענט ווי א איד גייט אין שול אן א רעקל האט ער געטראכט, אוי הלואי אויף מיר געזאגט איך זאל שוין קענען איינמאל פאר אלעמאל אראפ נעמען פון מיר די שרעקליכע רעקל פרעשור, ווען ער האט געזען א איד וואס פלאקערט ביי א מצוה, ביי מצות באקן, ביי מגילה ליינען האט ער אים געטרייט צו מאכן פילן סטופיד.

ער האט נישט פארפאסט קיין חתונה פון דער רעבע שליט"א'ס אייניקל, בעיקר זיך צו טרעפן מיט זיין social קרייז, ער האט אנגעקוקט זיין גאנצע רעבע שליט"א ווי א בעיסבאלל סופערסטאר, ס'האט גארנישט געהאט קיין שייכות מיט זיין אידישקייט, אבער פאר זיין זון האט ער אלץ געזאגט קוק אויף דער רעבע שליט"א.

ער זעט די קונטרס "זיך גט'ן איז נישט די עצה", ער הייבט אן טראכטן, גט'ן? ווער גט זיך? נישט איך!

ווען ער איז געווארן א חתן האט מען גלייך געארדערט א צען טויזנט דאלער'דיגע מסורה'דיגע חובות'דיגע תנאים זאל, אזוי ווי מ'פירט זיך ביי די בעלי חובות. ביי די חתונה האט מען געמאכט זיכער אז די חובות זאל נישט זיין חלילה קיין פעני אונטער פופציג אלפים. ביי די שבת באווארפן און שבת שבע ברכות איז די משפחה געזיצן בענעזאם באהבה ואחוה ושלום ורעות און געקייט מיט אהבה ואחוה די קרעדיט קארד סטעיקס און אנדערע טייערע אומבאצאלטע מאכלים.

אבער דאס ריכטיגע ציפעדיגקייט פון אונזער תכשיט האט זיך ארויסגעוויזן נאך די חתונה, ווען ס'האט זיך געענדיגט די דראמא שפיל פון זיבן טעג שטריימל אטענשן, זיבן טעג שבע ברכות אין טייערע רעסטאראנטן, האט ער אנגעהויבן פילן ווי א אויסגעקלאפטע הושענא.

די גאנצע סיבה וואס ער האט געוואלט א שידוך איז דאך מתחילה נאר געווען אז ער זאל נישט חלילה בלייבן דער לעצטער בחור אין קלאס, נו, וואס טו איך יעצט?! פארוואס וויל זי אנדערש ווי איך?! פארוואס קען איך נישט גיין מיט מיינע חברים וואס איך בין אזוי נאנט מיט זיי?! מיין עידזש האט צוויי וואכנאכטס היינט און איך קען



נישט גיין ווייל מיין ווייב וויל איך זאל גיין מיט איר צו איר קאזינס חתונה! א חוצפה! וואס איז די מעשה דא?!

דאס האט ער געלערנט צוואנציג יאר! דער מנהל כאפט מיך יא, דער מנהל כאפט מיך נישט. גארנישט אויסגעלערנט אז צו א ווייב רעדט מען מיט דרך ארץ, נאר לעבן פארן מנהל, פאר די שידוך, פאר די חברים, פאר האבן א גוטע נאמען צו נישט ווערן ארויסגעווארפן און דארפן זוכן נאך א ישיבה.

איימאל האט פאסירט, א האלב יאר נאך די חתונה, די ווייב זאגט זי פילט נישט אזוי גוט, זי קען נישט קאכן סאפפער היינט, דער צדיק'ל שוימט פאר כעס, מארגן די זעלבע מעשה, איבערמארגן די זעלבע, דער צדיק'ל זאגט פאר זיין מאמע אז זיין ווייב איז א אומבאלומפערטע. ס'איז געווארן א סומאטאכע אין די משפחה, ס'איז געווארן א ערנסטע בלאזעראציע צווישן די שנור און שוויגער, ווייל אונזער צדיק'ל האט קיינמאל נישט געהערט אין זיין לעבן אז שלום בית איז א זאך וואס יעדער מענטש מוז ארבעטן שווער אויף דעם. נישטא אזא זאך אז צוויי מענטשן זאלן זיך שיין אויסקומען, נאר אויב ביידע טראכטן אז דער אייבערשטער איז דא און עס אונזער תפקיד אז די שטוב זאל זיך פירן בשלום, און נאר אזוי וועט דער אייבערשטער דא זיין.

די נעקסטע מאל וואס זיין ווייב האט געזאגט זי פילט נישט גוט, איז ער געגאנגען מיט די crew צו "שמילי גרילי", מ'האט



געארדערט ציפעדיגע ווינגס מיט ריבלעטס אלס עפעטייזער, דערנאך האט מען געלייגט אויפ'ן טיש א רעק און ריבס מיט סוויט פעטעיטע פרענטש פרייס. גלייך דערנאך האט מען געארדערט פאר דיזערט סטראבערי און מאנגאו אנצוהייבן די דייעט (ווועמענס שילד איז עס אז די סטראבערי און מאנגאו ליגט אויף א פיר אינטשיגע נאפאליען קעיק).

אינמיטן אויסרעכענען די טיפ פאר די וועיטער, זעען זיי ביי די טיר קומט אריין א ברסלב'ער מפיץ, מ'האט אנגעהויבן קראכן וויצן רייט ענד לעפט, די חברה האבן געקייכט פאר געלעכטער.

ווער יאגט זיך דען אהיים צו די ווייב? וואס איז די פוינט? די חברים זענען דאך אזוי געשמאק!

אונזער צדיק'ל כאפט - מיט די קלעבעדיגע פליגעלער'דיגע פרענטש-פריי'דיגע הענט - א ספר'ל "זיך גט'ן איז נישט די עצה", דער עולם טרייבט ליצנות לייק נאו טומאררא, ער האט זיך דערבארעמט אויפ'ן מפיץ וואס כאפט בזיונות, ער האט געהערט פון די זאך פון נעמען א ברכה פון איינעם וואס גייט דורך א בזיון, ער געבט אים א פינעווער און באקומט א ווארעמע ברכה, און דער מפיץ לייגט אים צו א קונטרס "דו קענסט אויך לערנען" מיט א יו. עס. בי. פון דרשות און גייט צום נעקסטן טיש. נאך א ספר, נאך א פינעווער, נאך א בזיון, און אזוי ווייטער און ווייטער.

נאכ'ן אפווישן די גאנצע פירות (מיט נאפאליאן) טיש, האט מען ווייטער ברודערליך געשמועסט, ווער יאגט זיך דען אהיים צו די ווייב? וואס איז די פוינט? די חברים זענען דאך אזוי געשמאק!

אזוי אינמיטן זיך אויפשטעלן צו גיין ענדיגן די נאכט מיט קובאנער ציגארן פארנט פון שמילי גרילי, האט ער אזוי אינגאנצן אומוויסנדיג אריינגעלייגט אין טאש די צוויי ברסלב'ע ספרים, ניטאמאל טראכטנדיג וואס ער טוט.

געענדיגט מיט די ציגארן, ער שפאנט צו די יוקאן דינאלי, לייגט ארויס פון טאש די ספרים, די מוזיק בלעסט אויף טויזנט, די מאָפלער גאָזלט מיט די באקאנטע דינאלי'דיגע ווייברעישן, די שמעקער בלאזט ארויס א גערוך פון בלובערי מיט טשערי און נאך געזונטע דייעט עסן, די סעקנד דענס פון די נעכטיגע מעכטיגע חתונה האלט שוין ביי די לעצטע הארא ניגון, "ואמר ביום ההוא הנה אלקינו זה, קוינו לו ויושיעינו". דערנאך די קומזיץ, אוי פאר דיר, פאר דיר, נאר פאר דיר, אנת הוא מלכא

מלך מלכיא, די חתן גייט זינגען סאלאו, אוי לאמיר זינגען שבחים, פאר'ן מלך מלכי המלכים, אוי לאמ........ טרררררר טררררררר "פאון קאלל פראם מיי האני" טררררררר טררררררר "פאון קאלל פראם מיי האני" אויף די גרויסע דעשבאורד באווייזט זיך א חתן כלה בילד, ביידע מיט א שמייכל אזוי ווי ס'איז נישטא קיין וועלט נאר זיי.

פארוואס קאלט זי יעצט? פונקט ווען איך האלט זיך אינמיטן אויסטשוכענען נאכ'ן זיך אויסטשוכענען מיט די געטרייע ליבליכע חברים פיר שעה נאכאנאנד?!

העלאו? יא, ווען קומסטו אהיים, די בעיבי קוויטשעט, (ער געבט א טיפן קרעכץ) איך קום באלד, בערך ווען? (נאך א טיפע קרעכץ) איך זאג דיר איך קום באלד, באלד?! באלד דארפסטו שוין נישט קומען!

פארוואס איז זי אזוי נעסטי? פארוואס נאר מיין ווייב? פארוואס מיינע חברים האבן עס גוט און מיך נודזשעט זי אן אויפהער?! פארוואס דארף זי ספויל'ן אזא געשמאקע נאכט ווי איך האב היינט געהאט?! ווינגס, סטעיקס, ציגארן, מוזיק, פארוואס דארף זי אריינהאקן יעדע מאל איך אינדזשוי מיך?!

עם אין פאר טו וויקס! צוויי וואכן פראובע, ער רופט זיין ווייב, ווייסט וואס איך האב געטראכט? אז דו ביסט זייער א גוטע ווייב, דו טוסט אזוי סאך פאר מיר, העלאו? וואס איז? וואס איז געשען מיט דיר? סטאפ די נאנסענס און קום אהיים העלפן מיט די בעיבי, זיי נישט קארני און סטופיט!

(ער איז געווען צוגעגרייט צו דעם, ער האט געהערט די דרשה אז אזוי איז עס ביים אנהייב, אבער ס'לוינט זיך דורכצוברעכן)

**ביז צוויי טעג האט ער גענענדיגט סדר זרעים, און זיין ווייב האט גענענדיגט צוריקוואָרפן קאמפלימענטס.**

ביז צוויי טעג האט ער גענענדיגט סדר זרעים, און זיין ווייב האט גענענדיגט צוריקווארפן קאמפלימענטס, ווען ער האט געפראוועט זיין סיום הש"ס א יאר דערויף ביי שמילי גרילי האט שוין די גאנצע crew געהאט א סדר אין זאגן משניות און ש"ס.

אשריכם מפיצים! מ'גייט איינעמען די וועלט! One chiller at a time.

לאמיר גיין אויף די הייזער און זינגען שטילערהייט צו זיך, נאך איין קונטרס און מיר גייען אהיים......... נאך איין קונטרס אין א דירה אריין......

ער פילט ער ווערט שוין זייער ברוגז, ממש ער קען נישט פארשטיין וואס איז מיט זיין ווייב, ער זעט די ברסלב'ע "זיך גט'ן איז נישט די עצה" ער הייבט אן טראכטן, גט'ן? ווער גט זיך? נישט איך! איך בין דאך א נארמאלער מענטש, נאר כ'האב נישט ליב ווען מיין ווייב נודזשעט פאר פלעין.

וואס איז טאקע די זאך אין ברסלב? יעדער זאגט אז דארט רעדט מען שיין אינדערהיים, זייערע ווייבער נודזשענען נישט? ווי אזוי ארבעט עס, ער לייגט אריין די יו. עס. בי. ער הערט א דרשה אז צוויי מענטשן איז נישט במציאות זיך נישט צו קריגן נאר אז מ'לייגט אריין די תורה, אז מ'לייגט אריין דעם אייבערשטן, אז מ'זאגט יעדן טאג א דף גמרא, א פרק משניות, האט מען חן, די ווייב איז אינטערעסירט צו הערן וואס איר בא'חן'טער מאן זאגט, תורה געבט חן, אן תורה גייט עס נישט ארבעטן!

איי גאט טו טשעק דהיס אוט! ער גייט עס פרובירן! איי



# "מעשיות פון תפילה"



### אברהם וועבערמאן - בית שמש:

בערך א חודש צוריק בין איך אריינגעפארן אין ירושלים. אזויווי מען ווייסט דאך, איז פארקינג דארט בדרך כלל נישט דא. עס איז יא געווען איין פלאץ וואו עס איז געווען פארקינג, אבער איבער דעם איז געשטאנען א גרויסן שילד, 'אין חניה'. איך האב נישט באמערקט בשעת מעשה דעם טאוועל.

פארשטייט זיך איך האב געכאפט א טיקעט פון פינעף הונדערט שקל. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל פטור ווערן פון דעם, איבריג געלט פאר דעם צוועק האב איך דאך נישט.

איך האב אריינגעשיקט פארן ווילעדזש פון ירושלים א בקשה צו מיר פטר'ן פונעם אפצאל, מיט א תירוץ אז איך האב נישט פארשטאנען קלאר וואס עס שטייט אויף דעם שילד. (איך האב אפילו נישט געטראכט ביים עס אריינשיקן וואס איך שרייב...) נאך א חודש האבן זיי מיר צוריק געענטפערט אז זיי טושן אויף דעם טיקעט אויף א בלויזע ווארענונג. פאר ווער עס האט שוין ערפארונג מיט זיי, ווייסט אז דאס איז א נס. ביי זיי איז בדרך כלל נישט דא מיט וועמען צו רעדן, בפרט ווען דו האסט אן עכטע תירוץ... דאס איז נאר א דאנק וואס איך האב געבעטן דעם אייבערשטן. אסאך הצלחה.

### שלום אלי' אינדיג - מאנטריאל:

ברוך השם איך בין מפיץ די גליונות דא אין מאנטריאל, אויך שיקן מיר ארויס יעדע וואך אויף קרית טאהש. איך שיק עס מיט א איד א חשובע מלמד.

אין פרייטאג איז מיין טעלעפאן געווען צובראכן און איך האב נישט געקענט רופן דעם איד, איך האב געטראכט איך וועל גיין צו א געוויסע סטאר וואס דארטן קומט דער איד אויפפיקן זאכן, אפשר וועל איך אים טרעפן דארט.

למעשה האב איך געטראכט נישט צו גיין אויף די גאסן יעצט ווען מען דארף האבן מער שמירת עיניים.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטער איך זאל אים טרעפן און איבערגעבן די פעקל גליונות. יענע וואך איז געווען א גרויסע טראגעדיע אין מאנטריאל, ווען א אינגל איז אוועק לא עלינו, איך בין אדורך דעם הויז וואו מען איז געזיצן שבעה, אזוי אדורכגייענדיג האב איך געטראכט איך וועל ארויף גיין מנחם אבל זיין פאר אפאר מינוט. איך קום ארויף און פלאי פלאים איך טרעף דארט דעם איד וואס איך זוך צו קענען טראגן די גליונות אויף טאהש.

### נחמן נתן בוים - קרית ברסלב:

איך האב געדארפט מאכן א אינספעקשן אויף מיין נייע קאר (וואס איך האב באקומען נאך אסאך תפילות), איך האב באקומען די קאר מיט טונקעלע פענסטער'ס.

איך בין געגאנגען מאכן די איספעקשן ביי איין פלאץ און זיי האבן עס גע'פסל'ט וועגן די טינקעלע פענסטערס.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל יא דורכגיין בשלום, איך בין געגאנגען צו איין פלאץ נעבן שטעטל, וואס מענטשן האבן מיר געזאגט אז דארט מאכן זיי נישט קיין פראבלעמען וועגן דעם, אבער אסאך מענטשן האבן מיר געזאגט אז די פלאץ רעדט מען נישט די שענסטע שפראך, זיי קענען שעלטן וכו'.

האב איך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען גיין דארט און זיי זאלן נישט שרייען און נישט פרעגן גארנישט, איך זאל אריינגיין און ארויסגיין מיט א אינספעקשן.

שכח אייבערשטער נאך א פינף צען מינוט בין איך ארויס ברוך השם מיט א אינספעקשן, נישט געפרעגט נישט געזאגט, אריין, באצאלט, און ארויס געוואקט, שכח אייבערשטער.

# א בריוו

## פונעם ראש ישיבה שליט"א

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ-הַחוֹדֶשׁ, כ"ט אֲדָר ב', מְבָרְכִים נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

מִיר גֵייעֶן שׁוֹין אַרַיין אִין זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער שַׁבָּת; שַׁבָּת רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, שַׁבָּת הַחוֹדֶשׁ, וֶוען עֶס אִיז **דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס יוֹם הוּלֶדֶת.** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן שְׁנַת תקל"ב, עֶס אִיז דֶעמָאלְט אוֹיסְגֶעפַאלְן אַזוֹי וִוי הֵיי יָאר אַז שַׁבָּת הַחוֹדֶשׁ גֶעפַאלְט אוֹיס אִין פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז דֶער רֶבִּי אִיז גֶעבּוֹירְן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ וַוייל דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס זִיךְ צוּ **בַּאנֵייעֶן שְׁטֶענְדִיג**; דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן רֶבִּי'ן אִיז הִתְחַדְשׁוּת - זִיךְ בַּאנֵייעֶן. דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס מִיר זָאלְן שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ, **"אַלְטָאר מֶען נִישְׁט זַיין"** - הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נא), אַן אַלְטֶער חָסִיד אִיז נִישְׁט גוּט צוּ זַיין, אוּן אַן אַלְטֶער צַדִיק אִיז נִישְׁט גוּט צוּ זַיין; מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְפְרִישְׁן אוּן זִיךְ בַּאנֵייעֶן.

אִיךְ הָאף אַז דוּ הָאסְט פַארְשְׁטַאנֶען דֶעם נֶעכְטִיגְן שִׁיעוּר וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט, אוֹיף דֶעם וָואס דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל קְדוּשַׁת לֵוִי דֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט: "וֶוען דִי פְרוּיעֶן מַאכְן פֶּסַח'דִיג, פוּן זֵייעֶר קְרַאצְן, רַייבְּן אוּן כַּשֶׁר'ן וֶוערְן בַּאשַׁאפְן מַלְאָכִים, דִי זֶעלְבֶּע מַלְאָכִים וָואס וֶוערְן בַּאשַׁאפְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוען מֶען בְּלָאזְט שׁוֹפָר. אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אַז **קשר"ק** וָואס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן: **תְּקִ'יעָה שְׁ'בָרִים תְּרַ'וּעָה תְּקִ'יעָה**, אִיז אוֹיךְ דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דִי וֶוערְטֶער: **קְ'רַאצְן, שַׁ'ארְן, רַ'ייבְּן אוּן כַּ'שֶׁר'ן**", אוּן דִי הֲלָכָה אִיז אַז בַּיי תְּקִיעַת שׁוֹפָר דַארְף מֶען הָאבְּן אַ בַּעַל מַקְרִיא וָואס זָאגְט: "תְּקִיעָה, שְׁבָרִים, תְּרִיעָה", אַזוֹי וֵוייסְט דֶער בַּעַל תּוֹקֵעַ וָואס צוּ בְּלָאזְן, הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט אַז אַזוֹי דַארְף אוֹיךְ זַיין בַּיים פֶּסַח'דִיג מַאכְן; דֶער מַאן דַארְף הֶעלְפְן מְסַדֵר זַיין דִי קְ'רַאצְן, שַׁ'ארְן, רַ'ייבְּן אוּן כַּ'שֶׁר'ן אַזוֹי וֶועלְן אַרוֹיס קוּמֶען שֵׁיינֶע מַלְאָכִים וְכוּ'. אֲפִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ הֶעלְפְן, קֶען מֶען אָבֶער מִיט אַבִּיסְל גוּטֶע וֶוערְטֶער אַרוֹיסְהֶעלְפְן, מִיט אַבִּיסְל מְסַדֵר זַיין וָואס צוּ טוּן קוֹדֶם אוּן וָואס נָאכְדֶעם; בֶּעט אִיךְ דִיר, זֶע צוּ הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ. רֶעד שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ, גֶעבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ וֶוערְן בְּכַעַס חַס וְשָׁלוֹם אוּן בְּרֶענְג נִישְׁט אַרַיין קַיין אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט אִין שְׁטוּבּ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן סח): דוּרְךְ כַּעַס שְׁטוּפְּט מֶען אַוֶועק פוּן זִיךְ דִי פַּרְנָסָה.

הֶעלְף אַרַיין בְּרֶענְגֶען דֶעם פֶּסַח אִין שְׁטוּבּ; גֶעדֶענְק וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִין שְׁטוּבּ, **מֶען קֶען זַיין אַן עוֹבֵד הַשֵּׁם וֶוען מֶען הֶעלְפְט אִין שְׁטוּבּ**".

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ יוֹם טוֹב; רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר זַיין רֶבִּי - רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה עֶרֶב סוּכּוֹת: "אַז מֶען אַרְבֶּעט אַלֵיינְס אוֹיף צוּ שְׁטֶעלְן דִי סוּכָּה שְׁפִּירְט מֶען אַן אַנְדֶערֶע טַעַם אִין דִי סוּכָּה", הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "דָאס הָאסְטוּ נָאךְ נִישְׁט פְּרָאבִּירְט, צוּ בֶּעטְן עֶרֶב סוּכּוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: 'רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ וִויל שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִינֶעם יוֹם טוֹב סוּכּוֹת', וָואס פַאר אַ טַעַם מֶען שְׁפִּירְט דֶעמָאלְט אִין דֶעם יוֹם טוֹב סוּכּוֹת".

דָאס לֶערְנְט אוּנְז דֶער רֶבִּי, מִיר זָאלְן בֶּעטְן פַאר יֶעדֶע מִצְוָה אוּן פַאר יֶעדֶע יוֹם טוֹב וְכוּ' אַז מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ גֶעפִיל, אַ גֶעשְׁמַאק אוּן אַ טַעַם אִינֶעם יוֹם טוֹב, וַוייל וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ אַ שֵׁיינֶע אוּן פְרֵיילִיכֶע יוֹם טוֹב, אַלְץ אַ שֶׁענֶערֶע יוֹם טוֹב הָאט עֶר.

**אַ גוּט שַׁבָּת אוּן אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.**



# א שיחה

## פון דער ראש ישיבה שליט"א

### שבת החודש

**דער ראש ישיבה האט געזאגט:** איך געדענק איך בין אמאל געווען שבת אין בארא פארק ביי מוהרא"ש, איך בין איינגעשטאנען ביי הרב רבי יצחק שליט"א (אלע יארן ווען איך פלעג גיין צו מוהרא"ש אויף שבתים האט ער מיר אריינגענומען; איך האב אסאך געזען און געלערנט ביי אים). געדענק איך ווי מיר האבן געשמועסט ביים טיש פון רבי'ן און פון מוהרא"ש, אינמיטן שמועס רופט זיך אן איינער פון רבי יצחק'ס קינדער: "טאטע ווען ביסטו מקורב געווארן צו מוהרא"ש?" האט ער אים געזאגט: "היינט"; איך בין געווארן אזוי פארפלאמט פון די תשובה, עס איז געווען מיט אזא אמת, מיט א חן, 'איך בין היינט מקורב געווארן', מיט אזא פרישקייט, מיט אזא התחדשות.

מיר ווייסן דאך אז דער רבי האט זייער אויסגערומט דעם הייליגן צדיק רבי זושא זכותו יגן עלינו, דער רבי האט געזאגט: "דער צדיק רבי זושא איז ארום געגאנגען צוויי און צוואנציג יאר ברציפות מיט'ן זעלבן ברען צום אייבערשטן"; דאס איז א מורא'דיגע מדריגה, ווייל בדרך כלל ווען מען הייבט אן דינען דעם אייבערשטן הייבט מען אן מיט א ברען און נאכדעם פאלט מען, מען קילט זיך אפ; אבער דער הייליגער צדיק איז ארום געגאנגען מיט'ן זעלבן ברען פאר צוויי און צוואנציג יאר.

די וואך שבת איז א גרויסער שבת, פרשת החודש, אויך איז שבת מברכים ניסן, ערב ראש חודש, ערב דעם רבינ'ס געבורטסטאג; איז יעצט א גוטע צייט אנצוהייבן נוצן די עצות פון רבי'ן, זיך באנייען, נישט זיין אלט. דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן סב): "עַל כֵּן צָרִיךְ לְהַתְחִיל בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ", מען דארף שטענדיג אנהייבן פונדאסניי, נישט אלט ווערן און טראכטן: 'איך בין שוין מקורב, איך קען שוין די זאכן, איך ווייס שוין די חיזוק'; נאר כסדר זיך באנייען.

לאמיר אנהייבן טון די עצות פון רבי'ן מיט א פרישקייט; לאמיר גיין אביסל זיך מתבודד זיין, זיך אויסרעדן צום אייבערשטן אויף פראסט אידיש, אים בעטן: "'קרבינו לתורתך', **זיי מיר מקרב אייבערשטער צו דיין תורה, 'והחזירנו בתשובה שלימה לפניך', קער מיר צוריק צו דיר גרויסער באשעפער, איך וויל זיין ערליך, איך וויל זיין גוט, עס איז מיר אזוי שווער, דער יצר הרע לאזט מיר נישט אפ קיין איין רגע".**

געדענק וואס מיר האבן געלערנט אלע יארן ביי מוהרא"ש; אז מען האט לעמאן זאל מען מאכן פון דעם לימאנאדע, איבערדרייען דאס ביטערקייט אויף געשמאקקייט.



# א מעשה
## פון א צדיק

### פַאלְטְשֶׁע גַאֲוָוה

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעהֶערְט אוֹיף אַ גֶעוִויסֶע גוֹי אַז מֶען שְׁמוּעֶסְט אוֹיף אִים אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועןn צוּ דִי מִדָּה פוּן עֲנָוָה, מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע שְׁלֵימוּת וָואס וֵויינִיג מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זוֹכֶה. פַארְן הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז דָאס גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע פְּלִיאָה, וְויאַזוֹי קֶען זַיין אַ גוֹי טָמֵא וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם שַׁייְכוּת צוּ הֵיילִיגְקֵייט, דִינְט עֲבוֹדָה זָרָה, טוּט נִישְׁט קַיין מִצְוֹת, רֶעדְט נִישְׁט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, זָאל צוּקוּמֶען צוּ אַזַא הוֹיכֶע מַדְרֵיגָה צוּ וִויסְן אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן זַיין אִינְגַאנְצְן בָּטֵל וּמְבוּטָל בַּיי זִיךְ?

הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר וִויל דָאס זֶען פוּן דֶערְנָאנְט, אִיז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַרָאפְּגֶעפָארְן צוּ דֶעם גוֹי, דֶער גוֹי הָאט אִים גֶערְן אַרַיין גֶענוּמֶען בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אִים גוּט נָאכְגֶעקוּקְט מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע אוֹיגְן, אוּן עֶר זֶעט טַאקֶע אַז מֶענְטְשְׁן פַארְשֶׁעמֶען אִים אוּן עֶר עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט צוּרִיק, קַיין שׁוּם זַאךְ וָואס מֶען טוּט צוּ אִים בַּארִירְט אִים, פַאר דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז דָאס גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער, אִיז עֶר גֶעבְּלִיבְּן נָאךְ אַ טָאג, אַלְץ נָאכְגֶעקוּקְט זַיין הָלוֹךְ יֵלֵךְ, הַפְלֵא וָפֶלֶא, מֶען זֶעט נִישְׁט קַיין שׁוּם גַאֲוָוה אוֹיף דֶעם גוֹי טָמֵא.



נָאךְ דְרֵיי טֶעג בְּלַייבְּן בַּיי אִים אִינְדֶערְהֵיים, אוּן זֶען אַזַא סַבְלָנוּת אוּן עֲנִיווּת בַּיי דֶעם גוֹי, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעטְרַאכְט, פַארְפַאלְן דֶער גוֹי הָאט דִי הֵיילִיגֶע מִדָּה פוּן עֲנָוָה. דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען זִיךְ גֶעזֶעגֶענֶען מִיט דֶעם עָרֵל פַאר עֶר פָארְט אַהֵיים, דֶער גוֹי, אַרוֹיס בַּאגְלֵייטְנְדִיג דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב, רוּפְט זִיךְ אָן צוּם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב "נוּ? וָואס זָאגְט אִיר אוֹיף מַיין עֲנָוָה וָואס אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען?"

הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזֶען וָואסְפַארַא פָּאפֶּער אוּן בְּלָאפֶער דֶער גוֹי טָמֵא אִיז, עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶע בַּעַל גַאֲוָוה וָואס דִי גַאֲוָוה בְּרֶענְט אוּן פְלַאקֶערְט אִין אִים אוּן מַאכְט זִיךְ וִוי אַ עָנָיו, אָבֶּער דָאס אִיז בֶּאֱמֶת אֵיין שְׁטִיק גַאֲוָוה וָואס עֶר זוּכְט צוּ בַּאהַאלְטְן פוּן מֶענְטְשְׁן כְּדֵי צוּ בַּאקוּמֶען אַבִּיסְל כָּבוֹד פוּן דֶעם.

(שיחות מוהרא"ש חלק יג ערך גאווה)





# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע

| פ א ר ז ע צ ו נ ג |

**- ע' -**

**פָארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:** נָאךְ שָׁבוּעוֹת, אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דֶער אֵיידֶעם פוּנֶעם מַגִיד פוּן טִירְהָאוִויצֶע זי"ע, דֶער צַדִיק ר' יִצְחָק. עֶר אִיז גֶעפָארְן קַיין זְלַאטִיפָּאלֶע, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי מֶענְטְשְׁן קוּמֶען אַרוֹיס פוּן רֶבִּינְ'ס שְׁטוּב מִיט טְרֶערְן אוֹיף דִי בַּאקְן פוּן דִי וִידוּי דְבָרִים וָואס זֵיי הָאבְן זִיךְ מִתְוַדֶה גֶעוֶוען פַארְ'ן רֶבִּי'ן. אוּן עֶר אִיז דֶערְוַוייל אַרַיין אִין שׁוּל אוּן דָארְט גֶעוַוארְט.

סְ'אִיז גֶעוֶוען דַאן אִין שׁוּל אַסאךְ מֶענְטְשְׁן, דֶער רֶבִּי אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אוּן גֶעוִוינְקֶען פַאר דִי מֶענְטְשְׁן אַרוֹיסְצוּגֵיין. יֶעדֶער הָאט אוֹיסְגֶעטוּן דִי טַלִית אוּן תְּפִלִין אוּן אִיז אַרוֹיס, ר' יִצְחָק הָאט אוֹיךְ גֶעוָואלְט אַרוֹיסְגֵיין, אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעכַאפְּט דִי קְלַאמְקֶע אוּן פַארְשְׁפַּארְט דִי טִיר, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן אִין שׁוּל נָאר דֶער רֶבִּי מִיט ר' יִצְחָק.

* * *

דֶער רֶבִּי הָאט דַאן פַארְרֵייכֶערְט אַ לוּלְקֶע אוּן הָאט זִיךְ גֶעדְרֵייט אִין שׁוּל אַרוֹיף אוּן אַרָאפּ. עֶס אִיז גֶעפַאלְן אוֹיף ר' יִצְחָק גָאר אַ גְרוֹיסֶער פַּחַד, עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶערְמַאנֶען אַלֶעס וָואס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף אִים פוּן זַיין יוּגְנְט בִּיז יֶענֶעם טָאג. דֶער רֶבִּי אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן גֶעזָאגְט, "הַיינְט זָאג!", אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מִתְוַדֶה זַיין דֶעם גַאנְצְן הַארְץ, עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַלֶעס וָואס עֶר אִיז אַרִיבֶּער אִין לֶעבְּן. דֶער רֶבִּי הָאט דַאן גֶערֶעדְט מִיט אִים וָואס עֶר הָאט גֶערֶעדְט, אוּן פוּן דֶעמָאלְט הָאבְּן זִיךְ זַיינֶע אוֹיגְן גֶעעֶפְנְט, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁפִּירְן דֶעם זִיסְן טַעַם פוּנֶעם אוֹר הַגָנוּז, עֶר אִיז גֶעוָוארְן מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן מִיט אַ בְּרֶען, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעלֶערְנְט.



נִישְׁט לַאנְג נָאכְדֶעם וָואס ר' יִצְחָק, דֶער אֵיידֶעם פוּנֶעם מַגִיד פוּן טִירְהָאוִויצֶע זי"ע, אִיז נִתְקָרֵב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה "אוֹר הַגָנוּז" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ט"ו).

נָאךְ יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט וִוי פָאלְגְנְד, "אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דְרֵייט זִיךְ שׁוֹין אַרוּם פַאר אַסאךְ יָאר מִיט אַ מַחְשָׁבָה פוּן עוֹלָם הַבָּא, פוּן יֶענֶע וֶועלְט. עֶר הָאט גֶעוָואלְט רֶעדְן מִיט מִיר אִיבֶּער דֶעם אָבֶּער סְ'אִיז אִים נִישְׁט אוֹיסְגֶעקוּמֶען. אוּן וֶוער קֶען דֶען וִויסְן וָואס עֶר טְרַאכְט? וֶוער אִיז דֶען אַ נָבִיא צוּ וִויסְן זַיינֶע מַחְשָׁבוֹת?

